# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Yidn in Poyln


**Bałaban, Majer**
**ריאמ ,ןאבאלאב**



**Ṿilne, 1930**


רעדליב יד ןופ המשר


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275**

# רשימה פון די בילדער


טאָוול 1.
פאַר דער זייט 17
1. די מנורה פון דער אלטער טורי־זהב־שול אין לבוב (לעמבערג), געגאָסן אין ברעסלוי אין דעם יאָר 1689 (שנת תמ"ט) און געשאָנקען פון דעם הויפדאָקטאָר פון מלך סאָביעסקי – דר. שמחה מנחם מונה.

טאָוול 2.
פאַר דער זייט 17
2. די פעסטונגסשול אין זשאָלקיעװ פון דעם 17 יאָרהונדערט.
3. די אלטע שול אין בעלז, װאָס איז אַמאָל געװען אַ פעסטונגסשול.

טאָוול 3.
פאַר דער זייט 33
4. דאָס הויז פון דר. שמחה מנחם מונה אויף דער יידישער גאַס אין לעמבערג (בלאַבאַרסקאַ 19), צעגומען אין דעם יאָר 1905.

טאָוול 4.
פאַר דער זייט 33
5. שערבלאַט פון דעם ספר פאר הלכה, געדרוקט אין זשאָלקיעװ אין דעם יאָר 1738 אין דער דרוק פון די ברידער אהרן און גרשון בני של ר' חיים דוד סג"ל און אייניקלעך פון די אורי פייבוש.

טאָוול 5.
פאַר דער זייט 49
6. אַ מעשענער רעפלעקטער (װאַנט־לייכטער) אין דער גרויסער שטעטישער שול אין לעמבערג מיט די סמנים פון דער פוילישער מלוכה און דעם הערב פון מלך סאָביעסקי (זע זייט 68).
7. די קונע אין דער פאָרשטעטישער שול אין לעמבערג און אין איר איינגעשלאָסן אַ ייד פון דעם 18 יאָרהונדערט (פון דער זאַמלונג פאַװליקאָװסקי, היינט אין דער ביבליאָטעק אָסאָלינסקי אין לעמבערג).

טאָוול 6.
פאַר דער זייט 49
8. די אלטע שול אין קראָקע, די עלטסטע שול אין פוילן (14 יאָרהונדערט).
9. די פעסטונגסשול אין לובאָמל (װאָלין), 17 יאָרהונדערט.

טאָוול 7.
פאַר דער זייט 65
10. פאָליש פון דער אלטער שול אין קראָקע.

טאָוול 8.
פאַר דער זייט 65
11. די אלטע שול אין קראָקע (פון אינעװייניק).

טאָוול 9. פאַר דער זייט 81

12. דער קבר פון דעם רמ״א אויף דעם אלטן בית-החיים אין קראָ-
קע (פון רעכטס צו לינקס): ר׳ יוסף כ״ץ – בעל המחבר ספר
שארית יוסף, דער צווייטער: ר׳ ישראל איסערל, דעם רמ״אס
פאָטער, און דער דריטער: דער רמ״א (ר׳ משה איסערלס) אליין.
די פערטע מצבה איז פון מרים ביילע, דעם רמ״אס א שוועסטער.
די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן ה׳ חיים פריליך, א פּרנס
פון דער קהלה אין קראָקע.

טאָוול 10. פאַר דער זייט 81

13. דער אָפּמאַך צווישן דער קהלה אין קראָקע און דעם דאָרטיקן
מאַגיסטראַט אין דעם יאָר 1485, מיט וועלכן די יידן זאָגן זיך
אָפּ פון דעם רעכט צו האַנדלען אין קראָקע. (דער עלטסטער
העברעישער דאָקומענט אין פּוילן—געפינט זיך אין דעם שטאָטישן
ארכיוו אין קראָקע.)

טאָוול 11. פאַר דער זייט 97

14. די מצבות פון פיר קראָקעווער רבנים, אויף דעם אלטן בית-
עולם (פון רעכטס צו לינקס): 1. ר׳ העשיל, נפטר 1663, 2.
ר׳ אריה לייב, נפטר 1671, 3. ר׳ יהושע בן יוסף, בעל המחבר
ספר פני יהושע, נפטר 1648, 4. ר׳ יצחק הלוי, נפטר 1799. (די
פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן ה׳ חיים פריליך.)

טאָוול 12. פאַר דער זייט 97

15. פרוכת פון דער הויכער שול אין קראָקע, א נדר פון ר׳ יחיאל
מיכל בן פלטיאל און זיין ווייב מירל אין דעם יאָר 1642 (ת״ב).
דער שפּיגל פון דעם פרוכת איז גרין.

16. פרוכת אין פּשעדבאָרז מיט דריי פּוילישע אָדלערס. לויט מסורה
שטאַמט דאָס פרוכת פון א פאָן פון א פּוילישן רעגימענט אין
דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן. דאָס פרוכת האָבן מנדר געווען אין
דעם יאָר 1832 דאָרפישע אָרענדאַרעס, וואָס ביי זיי האָבן עס
איבערגעלאָזט די זעלנער

טאָוול 13. פאַר דער זייט 113

17. איין זייט פון דער יידישער גאַס אין לעמבערג (בלאַכאַרס קאַ נ״ר
17–31) איידער מען האָט די אלטע הייזער צענומען אין דעם יאָר
1907. געצייכנט פון פראַנצישעק קאָוואַלישין פאַר מיין בוך:
„דזיעלניצאַ זשידאָווסקאַ״.

טאָוול 14. פאַר דער זייט 113

18. די טורי־זהב־שול אין לעמבערג, געבויט אין יאָר 1582 פון דעם איטאַליענישן בוימייסטער פּאַוֹלאָ ראָמאַנאָ (שנת ויקרא בש"ם).

טאָוול 15. פאַר דער זייט 145

19. די מצבה פון דעם פרנס אין לעמבערג ר' נחמן בן יצחק (נפטר 1618), אויף דער אַנדערער זייט דער נוסח המצבה פון זיין ווייב רוזאַ (די גילדענע רויזע). זע זייט 108.

טאָוול 16. פאַר דער זייט 145

20. די גראָדזקאַ גאַס אין לובלין.

21. דער יידישער טויער אין לובלין.

טאָוול 17. פאַר דער זייט 161

22. די מהרש"ל־שול אין לובלין (געבויט אין דעם יאָר 1567).

23. די מהר"ם־שול אין לובלין, געבויט אונטער איין דאַך מיט דער מהרש"ל־שול קעגן אָנהייב פון דעם 17 יאָרהונדערט.

טאָוול 18. פאַר דער זייט 161

24. די עלטסטע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, אין דער לינקער זייט די מצבה פון דעם חזן אברהם בן אשאי(?) פון דעם יאָר 1543.

25. היסטאָרישע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, פון לינקס צו רעכטס: ר' שלום שכנא, לובלינער רב, נפטר 1559, ר' עזריאל הורוויץ, לובלינער רב (נפטר 1815) און זיין זון ר' שאול פישל אפרים (1825).

טאָוול 19. פאַר דער זייט 177

26–27. אַ לעפל פון דער חברה־קדישא אין לובלין, וואָס ווערט באַנוצט ביי דער טהרה, (פאָטאָגראַפירט פון ביידע זייטן), אַ נדבה פון דעם פרנס־הקהלה ר' חיים, אין דעם יאָר 1707. אויף דעם לעפל אַ פּאַסיקע אויפשריפט: וזרקתי עליכם מים טהורים וכו'.

טאָוול 20. פאַר דער זייט 177

28. דער לובלינער חזן "ר' יחיאל מיכל בן ר' נתן ממדינת רוסיא", שפּעטער (1700) חזן אין אַמסטערדאַם. (יידיש מוזעאום אין ווין).

29. ר' שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (שי"ר), רב אין טאַרנאָפּאָל און שפּעטער אין פּראָג. (יידיש מוזעאום אין ווין).

טאָוול 21. פאַר דער זייט 193

30. דאָס שערבלאַט פון דער גמרא: מסכת תמורה. געדרוקט אין לובלין אין דעם יאָר 1639.

טאָוול 22. פאַר דער זייט 193

31. די לעצטע זייט פון דעם מחזור לכל השנה חלק ב. געדרוקט פון דעם משומד יהנים העליץ אין קראָקע ארום די יאָרן 1538-1539, איין-איינציק עקזעמפלאַר אין דער פריוואַט-ביבליאָטעק פון ה. שאָקען אין צוויקוי (זאַקסן).

טאָוול 23. פאַר דער זייט 225

32. דאָס שערבלאַט פון דעם יידישן ברית חדשה פון דעם משומד פּווילוס העליץ, קראָקע 1540, דאָס איינציקע פולע עקזעמפלאַר אין דער יאַגעלאָנישער ביבליאָטעק אין קראָקע.

טאָוול 24. פאַר דער זייט 225

33. איין זייט פון דעם ברית חדשה פון פּווילוס העליץ.

טאָוול 25 פאַר דער זייט 241

34. שערבלאַט פון דעם ספר: זאת תורת החטאת פון דעם רמ״א, געדרוקט אין קראָקע ביי ר׳ יצחק פּראָסטיץ, 1577.

טאָוול 26. פאַר דער זייט 241

35. שערבלאַט פון דעם ספר תולדות נח, חלק שני, קראָקע שצ״ד (1634), געדרוקט פון ר׳ נחום מייזליש, מיט דעם פּוילישן מלוכה-אָדלער און דעם הערב פון דער שטאָט קראָקע.

טאָוול 27. פאַר דער זייט 257

36. די פעסטונגשול אין לוצק (צייכנונג פון דער מיט פון 19 יאָרהונדערט.

37. די פעסטונגשול אין לוצק (פאָטאָגראַפיע פון היינט).

טאָוול 28. פאַר דער זייט 257

38. די פעסטונגשול אין טאַרנאָפּאָל (17 יאָרהונדערט).

39. די פעסטונגשול אין הוסיאַטין (ענדע פון 17 יאָרהונדערט).

טאָוול 29. פאַר דער זייט 273

40. אַ זייטל פון דעם סטאַטוט פון דער קראָקעווער קהלה פון דעם יאָר 1595 יידיש (שנ״ת לפ״ק), ארכיוו פון דער יידישער קהלה אין קראָקע.

טאָוול 30. פאַר דער זייט 273
41. די ערשטע זייט פון דעם פריווילעג פאר אלע יידן אין פוילן, ארויסגעגעבן פון דעם מלך יאן סאָביעסקי אין יאָר 1676. ארכיוו פון דער יידישער קהלה אין קראָקע.
טאָוול 31. פאַר דער זייט 305
42. צוויי בלעטער פון דעם פנקס פון דער קהלה אין פיאָטרקאָוו
טאָוול 32. פאַר דער זייט 305
43. איין פארגאָלדעטער קריג צו שיקן משקה פאר דעם רב (לאנגע יאָרן אין דעם באזיץ פון דער משפחה מיזעס אין לעמבערג).
44. א יינגל, וואָס רופט אין באָד אריין (זאמלונג פאוליקאָווסקי).
45. א חתונה-בילעט, פון ענדע פון 18 יאָרהונדערט, פון לעבן טארנאָוו. (אָריגינאל אין לעמבערג—פריוואט).